# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים עיה"ק אומאן**

הדלקת הנרות.................**6:50**

מוצאי יו"ט.......................**8:21**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...........................ירמיה ב'-ג'

בבלי.........................קידושין ל"ד

ירושלמי................מעשר שני ז'

תוספתא.........................נדה ט'

רמב"ם..............שביתת עשור א'


ראש השנה, שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 1 (621)


## בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב') אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים. דֶערְפַאר, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּן, זָאל אַלֶעס זַיין אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט". אוּן דַאן דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל מֶען אוֹיךְ נָאר אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל. דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צִי מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל.

יֶעצְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם גַאנְצֶע יָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם". אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, וִוי שְׁטַארְק אִיז מַיין ווִילְן אִיז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א וְסִימָן ס"ו).

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער נָאר גוּטְס טוּן מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר". דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א) אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטְס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען אַ גוּטֶע פֵיינֶע יָאר", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן וִוי וֶוויינִיגֶער". דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְוֵייטְן: "וָואס הָאלְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס?" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזָא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָוארֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּסְקְ'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א:) **"רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵייליךְ, אוּן מֶען דַארְף אוֹיךְ וֵויינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**. בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס טַאקֶע מַאכְט אוֹיךְ וֵויינֶען אוּן חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֵויינְט פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פֵיינֶע גוּטֶע יָאר.

(סֵפֶר הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה)

## אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין נָאךְ אַ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז אַזַא שִׂמְחָה! דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

עֶס זֶענֶען דָא בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דִי תְּשׁוּבָה אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ עֶפֶּעס בַּאקְלָאגְט אוֹיף זֵייעֶר לֶעבְּן, שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ: "אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן – דַארְפְסְטוּ שׁוֹין זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ!" מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָאס נִישְׁט גְלַייךְ מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען הַאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן חוֹדֶשׁ אָדָר, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט נָאכְאַלְץ: "פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה!"

דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דַארְף עֶר פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?!" - מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דִי תַּעֲנִיתִים וָואס מֶען מוּז


<<<<<<


## ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב

בליצרקובסקיה 28 - אומאן

## זמנים לראש השנה תשפ"ד

### ערב ראש השנה

סליחות ליל זכור ברית.........**1:00**

פדיון נפש נאך סליחות

שחרית ערב ראש השנה................**8:00**

פדיון נפש נאך שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות.........................**6:50**

מנחה.................בזמן הדלקת הנרות

שחריתביידע טעג.......................**8:00**

תקיעת שופר דרשה צווייטע טאג...**12:00**

תשליך צווייטע טאג.....................**5:00**

מנחה ביידע טעג.........................**6:30**

דרשה ביידע טעג..........................**7:00**

זמן מוצאי יו"ט...........................**8:21**

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוֹן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ, י"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן וְכוּ'; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען דוּ קוּמְסְט אַרַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, בַּיים צִיוֹן - זָאלְסְטוּ צוּגֵיין צוּם צִיוֹן אוּן גֶעבְּן אַ קוּשׁ, זָאלְסְט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, זָאגְן "הֲרֵינוּ מְקַשֵּׁר עַצְמִי" אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי- שְׁטַייט, וָוארְט בַּיי וָוארְט.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תְּפִילָה פוּן רֶבִּי נָתָן, שְׁטַייטְלִיךְ וָוארְט בַּיי וָוארְט. זָאלְסְט מַאכְן הִשְׁתַּטְחוּת אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף אַלֶע חֲטָאִים עֲווֹנוֹת וּפְשָׁעִים, זָאלְסְט דֶערְצֵיילְן אַלֶעס אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ (אִידִישׁ), אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בִּיז דִי רֶגַע וָואס דוּ בִּיסְט בַּיים צִיוֹן, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַז דוּ זָאלְסְט טוּן נָאר דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מִיט דִי ווִידוּי אוּן מִיט דִי בַּקָּשׁוֹת - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן גַאנְץ תְּהִילִים - אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אוּן אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְבֻלְבָּל.

אוֹיב דוּ קֶענְסְט - זַיי מִיךְ מַזְכִּיר בַּיים צִיוֹן, דִי טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען פוּן מִיר.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֹשֶׁה אֶלְיָ'. אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן - אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט, עֶר אִיז גֶעלֶעגְן אִין נִיאוּף, אִין אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רמב). יֶעדֶע מָאל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוֹן הָאט עֶר אַזוֹי גֶעוֵויינְט בַּיים צִיוֹן בִּיז דֶער עֶרְד פוּן צִיוֹן אִיז נַאס גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע טְרֶערְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי פֵייעֶר פוּן נִיאוּף, פוּן דִי שִׁבְעִים מְדוֹרִין, כְּלָלִיּוֹת הַתַּאֲווֹת, כְּלָלִיּוֹת שִׁבְעִים אוּמוֹת, פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן", אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן זַיינֶע תַּאֲווֹת. הֲגַם אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן אִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מְרַחֵק גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט, עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעקוּמֶען צוּם צִיוֹן אוּן גֶעוֵויינְט דָארְט, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיסְצוּלַייטֶערְן.

פַארְשְׁטֵיי וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן דִי וָואךְ וָואס דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן; זָאלְסְט גֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם צִיוֹן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי פֵייעֶר פוּן נִיאוּף.

בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוֹן קֶען מֶען פוֹעְלְ'ן יְשׁוּעוֹת שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אַז מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ בַּיים צִיוֹן, קֶען מֶען אַלֶעס פוֹעְלְ'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשפ"ג)

<<<<<< אומאן ראש השנה

פַאסְטְן עַל פִּי הַלָכָה, מֶען רֶעדְט פוּן תַּעֲנִיתִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל פַאסְטְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס כְּדֵי צוּ פַארֶערְכְטְן וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט ווִיפִיל תַּעֲנִיתִים מֶען דַארְף פַאסְטְן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן, זָאגְט דֶער רֶבִּי: וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן.

פַארְוָואס דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט פַאסְטְן? וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע זַאךְ פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה? - אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה שַׁיינְט דֶער רֶבִּי אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

עֶס קֶען זַיין בִּשְׁעַת מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן אִיז מֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אַז מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶץ רֶעדְן פוּן דֶעם, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט עֶס צוּגְלַייכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם דָאקְטֶער זִיךְ אַפֶּערִירְן, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ פַאר דֶער דָאקְטֶער מַאכְט דִי אַפֶּעַראצְיֶע שְׁלֶעפְט עֶר אִים אַיין, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, מֶען וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס מֶען אִיז גֶעקוּמֶען, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ בָּחוּר וָואס מֶען קֶען אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אַ בָּאנְק בֶּעט, אִיךְ ווִיל שׁוֹין אַהֵיים גֵיין צוּרִיק צוּ מַיין גֶעהֶערִיגֶע בֶּעט מִיט מַיינֶע זַאכְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אֲפִילוּ נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ הֵייס... זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: דֶער רֶבִּי אִיז דִיר יֶעצְט מְתַקֵּן, דֶער רֶבִּי אַפֶּערִירְט דִיךְ יֶעצְט, וֶוען דוּ וֶועסְט אַהֵיים קוּמֶען נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ זֶען ווִי דוּ בִּיסְט אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה!

אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֵייבְּט מֶען אָן בַּאקוּמֶען הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר, וָואס דַארְף מֶען פַאסְטְן אוּן וָואס הֶעלְפְט פַאסְטְן? דֶער עִיקָּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז זַיין מֹחַ, דֶער מֹחַ דַארְף טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בַּאקוּמֶען מִיר פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן - שְׁנַת תקע"א, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה תִּקְעוּ תּוֹכָחָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח); בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָאס דִי צַוָואָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְּן אָן אַ צַדִּיק, הָאבְּן נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען אוֹיס מוֹרָא'דִיג, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁטְרַיימְל, בֶּעקֶעטְשֶׁע, אָבֶּער אִינֶעוֵויינִיג אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֱמוּנָה.

יֶעצְט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אִיבֶּער'חַזֶרְ'ן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶץ רֶעדְן בַּיי דִי לֶעצְטֶע דְרָשָׁה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: מֶען דַארְף זִיךְ מִיטְנֶעמֶען אַלֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער עִיקָּר הָעִקָּרִים פוּן רֶבִּי'ן אִיז: "תְּפִילָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת". דָאס מֵיינְט 'אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד', אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן הֶערְט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד. פַאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ אַלֶץ נָאכְגֶעקוּקְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, אִיךְ הָאבּ אַלֶץ גֶעווָאוּסְט אַז עֶפֶּעס אֱמֶת הָאבְּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶעווָאוּסְט אַז זֵיי הָאבְּן עֶפֶּעס אַ סוֹד פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, גֶעבְּט דֶער צַדִּיק אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא נֶעבְּן מִיר, דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וואוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט, עֶר דְרֵייוְוט אַ קַאר, אָדֶער עֶר גֵייט אִין גַאס, מַאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִיט דִי לִיפְּן, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל גֶעדֶענְקֶען פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ". מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אוּן מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס עֶס טוֹיג נִישְׁט, זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל גֵיין דַאוֶוענֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קְרִיג זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ ווִיל זַיין אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ". מֶען רֶעדְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף כַאפְּן דִי בָּאס, אִיךְ דַארְף כַאפְּן דִי פְלִיגֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיץ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע וֶועג, אִיךְ דַארְף יֶעצְט בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי זִיךְ אַהִין צוּ טוּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַלֶעס קֶענֶען בַּאצָאלְן".

"אָבֶּער תַּכְלִית גֶערֶעדְט, פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבּ גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב?" - בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז תַּכְלִית! עֶס אִיז פַארְקֶערְט ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן גֶעלְט, אִיךְ גֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין פְלַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין', אָבֶּער דֶער עִיקָּר יְשׁוּעָה קוּמְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן וואוּ זַיין יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ דַארְף אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף אוֹיסְשְׁטָאפִּירְן מַיין שְׁטוּבּ, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע", "הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ ווִיל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

דָאס אִיז דֶער עִיקָּר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף.

## זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מִצְוֹת

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַן עִיקָּר; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט קִיּוּם הַמִּצְוֹת, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת, אַ בָּארְד, אַ קַאפְּל, צִיצִית, תְּפִילִין, אִיךְ הִיט שַׁבָּת. דָאס

<<<<<<

וָואס מֶען זֶעט לֵייְדער אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דַאווְענֶען נִישְׁט אוּן טוּעֶן נִישְׁט אָן קֵיין תְּפִילִין, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס קֵיינֶער הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען חָשׁוּב, מֶען הָאט אִיהם נָאר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז 'הוּנְדֶערְט בְּלַאט גְמָרָא' אִיז חָשׁוּב, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ לַמְדָן' וָואס זָאל אִיךְ טוּן?! זָאג אִיהם ווִי חָשׁוּב עֶר אִיז מִיט זַיין בְּאַרְד אוּן פֵּיאוֹת! דָאס אִיז גֶעווֶוען בַּיים רַבִּי'ן אַן עִיקָר. פְּרֵייא זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, ווִי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִיךְ בִּין, ווִי פַארְשְׁמִירְט אִיךְ בִּין, אִיךְ בִּין אַ פָּגוּם, אָבֶּער אַ אִיד בִּין אִיךְ! אִיךְ בִּין גֶע'מַל'עט, אִיךְ גְלֵייב אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרֵיין דִי אֱמוּנָה אִין זִיךְ, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר שׁוֹין מְחִילַת עֲווֹנוֹת! מוֹהַרְנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אִין יֶעדֶע בְּרִיוו, וָואס דֶער רַבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעקוּקְט עֲבֵירוֹת, אָדֶער גֶעטוּהן עֲבֵירוֹת, אָדֶער עֶר אִיז אַ חוֹטֵא וּמַחְטִיא, נִישְׁט קֵיין חִילּוּק ווֶועלְכֶע נָאמֶען מֶען ווֶועט אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אִיהם, אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִיהם, עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי ווֶועלְט אוּן עֶר פִירְט דִי ווֶועלְט, - אִיז אִיהם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹין מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁנֶעלֶע תְּשׁוּבָה, אָבֶּער אַ שְׁווֶערֶע, ווַייל ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלַן אִיז אִיהם שְׁווֶער צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֲבֵירוֹת פַארְלֶעשְׁט דִי אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער רַבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם", עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט כְּפִירָה.

וָואס אִיז יֶע דִי עֵצָה צוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה? דִי עֵצָה אִיז צוּ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, דֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מו) ווֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֻשְׁיוֹת, סְפֵקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה עֶר זָאל שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּ דֶער רַבִּי זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דָאס ווָארְט 'קֻשְׁיָא' אִיז (תְּהִלִּים כז, ז): "שְׁמַע ה' קוֹלִי אֶקְרָא", אוֹיבּ מֶען הָאט קֻשְׁיוֹת, זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין דִיר".

אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ! אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת". ווַייל אֲפִילוּ עֶס טוּט מִיר עֶפֶּעס ווֵיי, ווֵייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, אִיךְ ווֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל מִיךְ נִישְׁט ווֵיי טוּן.

אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רַבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען דָאס מִיט נֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר, זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ, אוּן אַרֵיין נֶעמֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ.

## שְׁלוֹם בַּיִת

נָאךְ אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פוּן וָואס מוֹהֲרַ"ת פְּלֶעגְט רֶעדְן יֶעדֶעס יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; בַּיים רַבִּי'ן אִיז גֶעווֶוען 'שְׁלוֹם בַּיִת' אַן עִיקָר.

אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער פַּאסְט נִישְׁט אַז אַ רַבִּי זָאל רֶעדְן פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז עֶס נָאר אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעמַאכְט פַאר טֶערָאפִּיסְטְן צוּ רֶעדְן, אָבֶּער דֶער רַבִּי הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, פַארְוָואס? ווַייל בַּיים רַבִּי'ן אִיז גֶעווֶוען דֶער עִיקָר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אוּן אַ רֵיינֶע מֹחַ קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אוֹיבּ מֶען הָאט שְׁלוֹם בַּיִת.

וָואס אִיז שְׁלוֹם בַּיִת? - מֶען דַארְף נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דִי ווַייבּ! אוֹיבּ דִי ווַייבּ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטֶעך אוּן עֶס בַּאדֶערְט, 'אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ מַאן?!', מוּזְטוּ אִיר גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, זָאג שְׁטִילֶערְהֵייט (תְּהִלִּים כה, יח): "רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק מַיין פַּיין, קוּק מַיין צַעַר, וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד" (אַגְרָא דְּפִרְקָא, אוֹת קכד).

מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ פוּן זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיט אַ ווַייבּ! - מִיט אַ חָבֵר אִיז אוֹיךְ אַ שָׁאד זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן, אוֹיבּ אֵיינֶער קוּמְט דִיר פְרֶעגְן: "ווָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט! אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט 'אִיךְ ווֶועל אוֹיפְווַייזְן מִיט קְלָארֶע רְאָיוֹת', זַיי נִישְׁט קֵיין אוֹיבֶּער חָכָם, ווַייל דִי עֶרְשְׁטֶע קֻשְׁיָא ווֶועסְטוּ נָאךְ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן, דִי צְווֵייטֶע אוֹיךְ, בַּיי דִי דְרִיטֶע ווֶועט עֶר קוּמֶען מִיט אַ גוּטֶע לֵיצָנוּת אַז דוּ ווֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, דוּ ווֶועסְט בְּלֵייבְּן מִיטְ'ן צִינְג אִינְדְרוֹיסְן, אוּן דוּ אַלֵיינְס ווֶועסְט אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר טַאקֶע?'... אוּן דוּ ווֶועסְט אוֹיפְהֶערְן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת. קוּקְט גוּט, דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלוּגֶער, זַיי מֵיינֶען אִיךְ ווֶועל זִיךְ טַעֲנָה'ן אוּן אוֹיפְווַייזְן, לָאזְן מִיט דִי צַייט אָפּ דֶעם רַבִּי'ן.

דֶערְפַאר אִיז מִיט אַ חָבֵר אוֹיךְ נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ טַעֲנָה'ן, אִיךְ גֵיי ווַייטֶער צוּ מַיין חַיִּים טוֹבִים אוּן עֶר זָאל גֵיין וואוּ עֶר ווִיל. - אָבֶּער מִיט אַ ווַייבּ 'טָאר מֶען נִישְׁט' זִיךְ טַעֲנָה'ן, מֶען מֶעג זָאגְן דִי אֵייגֶענֶע דֵעָה אַז אִיךְ הַאלְט אַזוֹי אוּן אַזוֹי, אוּן אַז זִי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, אִיז נִישְׁט, זָאל זִי אַלֵיינְס שְׁפֶּעטֶער חֲרָטָה הָאבְּן, אָבֶּער אִיךְ ווֶועל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט אִיר.

מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט נִישְׁט צוּ זַיין קֵיין קַמְצָן אִינְדֶערְהֵיים. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי אֵייגֶענֶע גֶעבְּרוֹיכְן גִיבְּט עֶר אוֹיס גֶעלְט בְּרֶוַח; אַנְשְׁטָאט זִיךְ מַאכְן קַאווֶע אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ בְּחִנָּם, קוֹיפְט עֶר זִיךְ קַאווֶע אִין גֶעשֶׁעפְט, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן קוּקְן אוֹיף מִיר ווִי אִיךְ גֵיי אִין גַאס מִיט אַ קַאווֶע אִין דִי הַאנְט... אַז מֶען רֶעכֶנְט צוּזַאמֶען ווִיפִיל גֶעלְט עֶס קוּמְט אוֹיס דִי אַלֶע קַאווֶע'ס פוּן יֶעדְן טָאג, קוּמְט עֶס אָן צוּ אַ רִיזְן סְכוּם, אוּן ווֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר זַיין ווַייבּ, ווֶוען זִי ווִיל זִיךְ עֶפֶּעס קוֹיפְן אוּן כְּדוֹמֶה, שְׁפַּארְט עֶר זֵייעֶר אוּן רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיר: "דוּ בֶּעטְסְט מִיר אֵייבִּיג נָאךְ גֶעלְט אוּן נָאךְ גֶעלְט! דוּ עֶסְט מִיר אוֹיף מַיין גֶעלְט!"

אוֹיף וָואס דַארְפְסְטוּ גֶעלְט? – עֶס אִיז נִישְׁט דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן מִיט

>>>>>>



### שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ אוֹיס דִי לַאנְגֶע דַאווְענֶען פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטְ"א,**

מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, דִי יְמֵי הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת, אוּן גֶעווֶוענְלִיךְ יֶעדֶעס יָאר פְּרוּבִּיר מִיטְצוּגֵיין מִיטְ'ן אַלְגֶעמֵיינֶעם שְׁטְרָאם פוּן דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, כָאטְשׁ וָואס פַאר מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ אִיז דָאס זֵייעֶר בִּיטֶערֶע אוּן שְׁווֶערֶע טֶעג, ווֶוען אִיךְ הֶויבּ אָן הֶערְן דִי נִיגוּנִים פוּן דִי נוּסַח וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן פוּן סְלִיחוֹת אוּן פוּן דִי תְּפִלּוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, ווֶוערְט מִיר שְׁלֶעכְט אוּן בִּיטֶער אוֹיפְ'ן הַאַרְץ.

אִין מַיין חֲסִידוּת פִירְט מֶען זִיךְ צוּ דַאווְענֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט, בַּיי יֶעדֶע תְּפִלָּה אִיז מֶען מְכַבֵּד אַן אַנְדֶערְן בַּנְשֶׁ"ק צוּ דַאווְענֶען פַאר'ן עַמּוּד, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ הַפְסָקוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, בַּיים לֵיינֶען אִיז דָא אַסַאךְ הוֹסָפוֹת ווַייל מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַלֶע בַּנְשֶׁ"ק'לֶעךְ, בְּקִיצוּר, מֶען עֶנְדִיגְט דָאס דַאווְענֶען צֶען מִינוּט פַאר דִי שְׁקִיעָה, מַמָּשׁ ווִי אַ תַּעֲנִית, מֶען פַּאסְט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן פַאר אַנְדֶערֶע אַז מַיין רַבִּי טוּט גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען לֵייגְט אַרָאפּ אַן עֲבוֹדָה בַּיי דִי מַלְכִיּוֹת זִכְרוֹנוֹת שׁוֹפָרוֹת גָאר גָאר לַאנְג, מֶען דַאווְענְט אַ גַאנְצְן טָאג, מֶען עֶנְדִיגְט אַזוֹי שְׁפֶּעט, כָאטְשׁ וָואס ווֶוען מֶען מַאכְט אַ שְׁנֶעלֶער חֶשְׁבּוֹן, מֶען רֶעכֶנְט אַרָאפּ אַלֶע הַפְסָקוֹת, הוֹסָפוֹת בַּיים לֵיינֶען, אוּן דִי אַנְדֶערֶע שְׁלֶעפֶּענִישְׁן, מֶען ווֶועט נָאר רֶעכֶענֶען דִי אֱמֶת'ע צַייט ווִיפִיל מֶען דַאווְענְט, ווֶועט עֶס בִּכְלָל נִישְׁט זַיין אַזוֹי לַאנְג.

פוּן דִי גַאנְצֶע אוּמְבַּא'טַעַם'טֶע שְׁלֶעפֶּערַייעַן קוּמְט אוֹיס אַז דָאס גַאנְצֶע דַאווְענֶען ווֶוערְט מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן זוֹיעֶר, אוּן נַאכְדֶערְצוּ אַז מֶען אִיז בַּיי אוּנְז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אַז מֶען טָאר נִישְׁט קִידּוּשׁ מַאכְן פַאר דִי תְּקִיעוֹת, "וָואס? דוּ עֶסְט פַאר תְּקִיעוֹת שׁוֹפָר?" אוֹיף דִיר הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, זִיכֶער טוּסְטוּ נָאךְ עֶרְגֶערֶע זַאכְן".

אִיךְ ווֶועל זָאגְן דֶעם אֱמֶת, שׁוֹין זַייט מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט גֶעדַאווְנְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ זֶע אַסַאךְ בַּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִין קוֹפִּקֶעס שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג הֶערְט מֶען אַז מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", אוּן יֶעדֶער לוֹיפְט אַרֵיין ווִי דֶער שֵׁד הָאט אִיהם גֶעכַאפְּט, אוּן שְׁרֵייט מִיט קוֹלוֹת "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף", אוּן מִיט עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער זֶעט אִיךְ אִיהם שׁוֹין ווַייטֶער אִינְדְרוֹיסְן זִיךְ טַעֲנָה'עַן אוֹיבּ דֶער פְּרֶעזִידֶענְט אִיז יָא גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט... הָאסְט דָאךְ אַ מִינוּט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן "וּתְשׁוּבָה וּתְפִלָּה וּצְדָקָה מַעֲבִירִין אֶת רוֹעַ הַגְּזֵירָה", אוּן הָאסְט נָאךְ גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דַיין קִינְד, "קוּם שְׁנֶעל אַרֵיין!", אוּן יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אוּם צוּם גְדַלְיָ' פְרֶעגְט מִיר אֵיינֶער, "נוּ, ווִי אַזוֹי אִיז גֶעווֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רַבִּי'ן?", הָאבּ אִיךְ אַוַודַאי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז ס'אִיז גֶעווֶוען גֶעווַאלְדִיג אוּן מוֹרָא'דִיג, עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶל'ט אַלֶעס גוּט, אוּן אִיךְ הָאבּ אַוַודַאי גֶעעֶנְטְפֶערְט "אָמֵן", אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר, 'אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעבֶּעטְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ פּוֹעֶל'ן, אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ דָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֵיין מִינוּט צוּ טְרַאכְטְן פוּן מִיר, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאווְענֶען נַיין אַזֵייגֶער, אוּן עֶרְשְׁט אוּם צְווֶעלְף אַזֵייגֶער הָאט מֶען גֶעזָאגְט בָּרְכוּ, ווַייל הַאלְבּ פְּסוּקֵי דְזִמְרָה זָאגְט מֶען פָּסוּק בַּיי פָּסוּק, חַזָּן וְקָהָל, אוּן אִין דִי צַייט קֶען מֶען דָאךְ אַרוּמְשְׁמוּעֶסְן אוּן מַאכְן קוֹפִּקֶעס, אַז מֶען הַאלְט בַּיי בָּרְכוּ קֶען מֶען דֶעמָאלְט אָנְהֵייבְּן הוֹדוּ, אוּן מֶען ווֶועט רוּאִיג קֶענֶען זִיךְ שְׁטֶעלְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיטְ'ן עוֹלָם, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז דָא אַזוֹיפִיל הַפְסָקוֹת, אוּן אַזוֹי שְׁטוּפְּט מֶען דוּרְךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג.

טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטְ"א, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַבִּיסֶעלֶע

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִילְן, אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם מַצָב אוּן אַטְמָאסְפֶער וִוי אַזוֹי עֶס גֵייט צוּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר, עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם אוּן קֵיין רַאם, אָבֶער אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר, אִיךְ זָאל יָא הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁמוּעֶס נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט קֵיינֶעם, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט קֵיין צַייט פוּן שְׁמוּעֶסְן פָּאלִיטִיק; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן יֶעדְן אֵיינֶעם, וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר. אַז דִי דַאוֶוענֶען אִיז צוּ לַאנְג פַאר דִיר אוּן מֶען מַאכְט אַסַאךְ הַפְסָקוֹת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט זָאגְן תְּהִילִים, זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאגְן אַלֶע תְּהִילִים, מֶען בֶּעט פַאר זִיךְ, פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע? וָואס וֶועלְן דִיר אַנְדֶערֶע הֶעלְפְן? עֶס קוּמְט אַ נֵייעֶ יָאר, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס גֵייט זַיין מִיט דִיר, מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וַוארְט דִיר? אַלֶעס וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אַלֶעס שְׁרַייבְּט מֶען אָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דַארְפְן מִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט תְּשׁוּבָה טוּן, מִיט זָאגְן תְּהִילִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִילִים, וַוייל תְּהִילִים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; "זֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִין, שֶׁבִּימֵי תְּשׁוּבָה דְּהַיְנוּ בֶּאֱלוּל וַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, כָּל יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין אָז בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה כַּנַּ"ל", דֶערְפַאר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - זֶעט מֶען אַז אִין דִי טֶעג פוּן אֱלוּל אוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז יֶעדֶער עוֹסֵק אִין זָאגְן תְּהִילִים, וַוייל דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה, "וְעַל כֵּן, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד לַעֲסֹק תָּמִיד בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי תְּהִלִּים הוּא הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחֵז בּוֹ".

וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר - וֶוער עֶס בַּאקוּמְט אַן עֲלִיָּה וְכוּ', אוּן וֶוער עֶס דַאוֶוענְט פַארְן עַמּוּד וְכוּ', וָואס וֶועלְן דִיר דִי זַאכְן הֶעלְפְן? לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, פַארְגֶעס נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט; אֵיינֶעם בַּאדֶערְט דָאס אוּן אַ צְוֵוייטְן בַּאדֶערְט יֶענְץ, אֵיינֶעם שְׁטֶערְט אַז מֶען דַאוֶוענְט לַאנְג, אַ צְוֵוייטְן - אַז מֶען דַאוֶוענְט שְׁנֶעל; אַלֶעס מִיט אֵיין כַּוָּונָה, אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן - אַבִּי מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶוערְט עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, זַיין גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע פוּן אַ גַאנְץ יָאר גֵייט יֶעצְט לְאִיבּוּד, אַלֶע אִידְן טוּעֶן תְּשׁוּבָה, אַלֶע אִידְן קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ נֵייעֶ זַאךְ, דֶעם וֶועט בַּאדֶערְן וֶוער עֶס אִיז עוֹלֶה אוּן וֶוער עֶס שְׁמוּעֶסְט, אוּן יֶענֶעם וֶועט מֶען מַאכְן בַּאדֶערְן אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ - אוּן אַזוֹי פַארְגֶעסְט מֶען פוּן תַּכְלִית.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פוּעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס הָאט אַלְץ פַּאסִירְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.). רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע אִמָּהוֹת שָׂרָה אִמֵּנוּ, רָחֵל אִמֵּנוּ אוּן חַנָּה - נִפְקָד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז יוֹסֵף אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם; רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פוּעֶלְ'ן קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער; רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע תְּפִיסָה, אַזוֹי וִוי יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען מֶען פוּעֶלְ'ן פַּרְנָסָה בְּנָקֵל, מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער, אַזוֹי וִוי דִי שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַ 'תַּעֲנִית דִיבּוּר' אוֹיף גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיג) אֵיידֶער מֶען אִיז גוֹזֵר אַ גְזֵירָה פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף וֶועם מֶען ווִיל בְּרֶענְגֶען דִי גְזֵירָה, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיינְס פַּסְקְ'עֶנֶען וָואס פַאר אַ שְׁטְרָאף מֶען זָאל אִים גֶעבְּן; דֶער מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט פוּן אַנְדֶערֶע, עֶר דֶערְצֵיילְט וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט אָפּ אַז מֶען דַארְף יֶענֶעם גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף, עֶר כַּאפְּט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אַלֵיינְס גֶע'פַּסְקְ'נְט; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דִי הַנְהָגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תֵּצֵא תשפ"ג)



גֶעלְט, אוֹיסֶער צוּ קֶענֶען גֶעבְּן פַאר דִי וַוייבּ, זִי זָאל קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן אוֹיף יוֹם טוֹב, אוּן פַאר אַ רוֹימֶערְקֶע זָאל אִיר הֶעלְפְן אוֹיפְרוֹימֶען דִי הוֹיז.

אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט זַיין אַ 'קַמְצָן' מִיטְ'ן מוֹיל; מֶען דַארְף גֶעבְּן אַסַאךְ אֶמֶתְ'עֶ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אַ וַוייבּ: "דוּ בִּיסְט אַזוֹי שֵׁיין", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט", "דוּ בִּיסְט אַזוֹי קְלוּג", "נָאךְ אַ מַזָל אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר חֲתוּנָה גֶעהַאט", "אִיךְ בִּין אַזוֹי דַאנְקְבַּאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דִיר", אוּן: "אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דַארְפְן נָאכְאַמָאל מְגֻלְגָּל ווערְן, וֶועל אִיךְ זִיךְ אַיינְבֶּעטְן אִיךְ זָאל נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִיר".

## לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַהֵיים גֵיין מִיט נְקוּדוֹת אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ, זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. מִיר הָאבְּן שׁוֹין נֶעכְטְן גֶערֶעדְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה, וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט זַיין שֵׂכֶל"; מֶען דַארְף דָאס חַזֶרְ'ן מִיט דִי קִינְדֶער. פַארְוָואס זָאלְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זִיךְ צִיפְן דִי בָּארְד, וִוי וֶועמֶען ווִילְסְטוּ אוֹיסְקוּקְן? וִוי אַ זִינְגֶער?! - וֶוער עֶס שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט זַיין פַּרְנָסָה! אַ בָּארְד אִיז שֵׁיין! אַ בָּארְד אִיז זִיס!

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, "אַ מְחַיֶּה אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל! אַ מְחַיֶּה אִיךְ הָאבּ צִיצִית! וָואס אִיךְ בִּין - בִּין אִיךְ, אָבֶּער צִיצִית הָאבּ אִיךְ! אַ מְחַיֶּה אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה!", וֶוען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ קוּשׁ אִיךְ דִי מְזוּזָה, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין הַיינְט", וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים קוּשׁ אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי מְזוּזָה אוּן אִיךְ זָאג: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם".

טֵייעֶרֶע טַאטֶעס! אַז אִיר הָאט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְפְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן, אַנְשְׁטָאט דִי קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן זַיין טַאטֶע שְׁרֵייט, רֶעדְט פָּאלִיטִיק, רֶעדְט קֶעגְן אַנְדֶערֶע, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען קוּמְט צוּרִיק אַרַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער זָאגְט מֶען זֵיי: "לָאמִיר קוּשְׁן דִי מְזוּזָה אוּן זָאגְן 'שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען", נֶעם צוּזַאם דַיינֶע קִינְדֶער מַאךְ תְּפִילוֹת צוּזַאמֶען מִיט זֵיי. אוּן אוֹיבּ דוּ הַאלְסְט אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַיין זוּן ווִיל דִיר וַוייזְן זַיין שֵׁיינֶע שְׁפִּילְצֵייג וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, זָאג אִים: "טַאטִי קֶען נִישְׁט יֶעצְט קוּקְן, טַאטִי רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אַז מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(דְּרָשַׁת נְעִילַת הֶחָג, מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה תשפ"ג)

## אויף פּאַסט צו אייער טיר

סובסקריבט אייך צו באקומען יעדע וואך אויף פאסט די עצתו אמונה, גליון היכל הקודש, קרית ברסלב בלעטל, שיעורי חינוך, אשר היה, בית נצחי

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org

## די הייליגע טעג

דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף די הייליגע טעג ראש השנה, יום כיפור, און סוכות

> קול ברסלב <

212-444-9191

1, 1, 9

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל breslevcenter@gmail.com

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876

< BreslevCenter.com >